(12)

ביבליאָטעק פון ייוואָ
יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
פילאָלאָגישע סעקציע

# די ערשטע יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ

## באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ 1908

ווילנע / 1931

ער דאָזיקער באַוועגונג, דער איניציאַטאָר פון מיטינג, ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. ער האָט רויק אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיין טעאָריע וועגן דער נייטיקייט פון זשאַרגאָן פאַר דער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ פון יידישן פאָלק. „אויב דער קולטור-ניוואָ פון אונדזער פאָלק איז נישט הויך, איז שולדיק אין דעם דאָס פעלן פון אַ שפּראַך. די פילאָסאָפיע איז דער מוח, די פּאָעזיע — דאָס האַרץ, און די שפּראַך קען מען צוגלייכן צו דעם בלוט פון קערפּער. ווען דעם קערפּער פעלט אויס בלוט, ליידט ער אויף אַנעמיע". „נישט פּאָפּולערע ביכלעך דאַרף מען אַרויסגעבן אויף יידיש, נאָר באַשאַפן אויף דער שפּראַך אַ גאַנצע ליטעראַטור, בכדי אונדזער אינטעליגענץ זאָל שעפּן איר גאַנצע בילדונג פון אייגענעם קוואַל". „זאָלן אַפילו אַסימילאַציע-טעאָריעס, טיפע געדאַנקען, און נישט אַגיטאַציע-בראָשורן, געשריבן ווערן אויף יידיש..."

## די פאַרבעטונג

דער געדרוקטער צירקולאַר, וואָס די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ האָבן פונאַנדערגעשיקט צו פאַרשיידענע פּערזאָנען און רעדאַקציעס פון צייטונגען:

גערערטער הער!

די יידישע שפּראַך האָט אין די לעצטע צענדליקער יאָרן געמאַכט אַ גרויסן פאָרטשריט. די ליטעראַטור אירע האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה, וואָס קיינער האָט זיך ניט גערעכנט, זי זאָל קאָנען דערגרייכן. יידישע צייטונגען צעגייען זיך אין הונדערט-טויזנטער נומערן טעגלעך און וועכנטלעך. יידישע פּאָעטן שרייבן לידער, וואָס דאָס פאָלק זינגט זיי; מעשיות, וואָס דאָס פאָלק לייענט זיי; פּיעסן, וואָס דאָס פאָלק לויפט זיי זען אין טעאַטער. און די שפּראַך אַליין ווערט וואָס אַ טאָג אַ פיינערע און אַ רייכערע.

נאָר איין זאַך פעלט איר נאָך, וואָס עלטערע שפּראַכן פאַרמאָגן. זיי לאָזט מען ניט אַרומלויפן גאַנץ פריי און ווילד אויף דער שפּראַכן-וועלט און צוציען צו זיך כל מיני קרענק און מומים און אפשר גאָר דעם טויט. זיי היט מען אָפּ, ווי אַ טייער קינד היט מען זיי אָפּ. אויף איר אָבער, אויף דער יידישער שפּראַך, קוקט זיך קיינער ניט אום. טויזנטער יידישע ווערטער ווערן איבערגעביטן אויף דייטשע, רוסישע און ענגלישע, וואָס קיינער נייטיקט זיך ניט אין זיי. די לעבעדיקע געזעצן פון דער שפּראַך, וואָס ווערן געבוירן און אַנטוויקלען זיך מיט איר אינעם מויל פון פאָלק, פאַרשרייבט מען ניט, און עס דאַכט זיך אויס, אַז עס זענען גאָר נישטאָ אין איר אַזעלכע געזעצן. און שרייבן שרייבט יעדער אויף אַן אַנדער אופן, מיט אַן אַנדער אויסלייגעכץ, וואָרים אַ יידישע אָרטאָגראַפיע, וואָס זאָל גילטן פאַר אַלעמען, נאָך וועלכער אַלע זאָלן זיך מוזן האַלטן, איז נאָך ניט באַשאַפן.

אמת, דער אַלטער בזיון מיט יידיש האָט אָנגעהויבן שוואַכער צו ווערן.



וואָס אַ מאָל שעמט מען זיך ווייניקער מיט דער היינטיקער שפּראַך פון אונדזער פאָלק. וואָס אַ מאָל רעכנט מען זיך מער מיט איר און מען גיט איר אָפּ מער כבוד. וואָס אַ מאָל מער פאַרשטייט מען, אַז אין איר שפּיגלט זיך אָפּ די יידישע נשמה, און מען הייבט אָן צו באַגרייפן איר ווערט פאַר דעם קיום פון אונדזער אומה. אָבער גענוג איז זי נאָך צו שפּאָט און צו שאַנד; דאָז שעמען זיך מיט איר עקסיסטירט נאָך. און פון וואַנען קומט דאָס אַרויס, אויב ניט פון די דערמאָנטע חסרונות?

ווען אָבער יאָ אַזוי, באַדאַרף מען מאַכן אַ סוף צו זיי; באַדאַרף מען באַשאַפן אַ מין צוים און גדר, אַ מין אָפּהיטונג פון אונדזער טייערן מאַמע-לשון, עס זאָל ניט אַרומלויפן אַזוי ווילד ווי ביז איצט, ניט ווערן אַ הפקר-זאַך, ניט ווערן צעריסן און צעטיילט. אַלע, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט אים, סיי אַלס שרייבער און דיכטער, סיי אַלס שפּראַכקענער, אָדער וואָס האָבן אים גלאַט ליב, — מוזן זיך צוזאַמענרעדן און געפינען די ריכטיקע מיטלען און וועגן, כדי עס זאָל באַשאַפן ווערן אין דער זאַך אַן אויטאָריטעט, וועלכן אַלע זאָלן מוזן און וועלן זיך אונטערגעבן.

גערערטער הער! אויב איר האָט די אייגענע מיינונג, ווי מיר האָבן דאָ אַנטוויקלט, בעטן מיר אייך, איר זאָלט קומען צו דער קאָנפערענץ, וואָס מיר רופן צונויף וועגן דער יידישער שפּראַך.

די קאָנפערענץ וועט פאָרקומען דעם ........ [1] אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע, עסטרייך), און עס וועלן דאָרטן באַהאַנדלט ווערן די פאָלגנדיקע פּונקטן:

1) די יידישע אָרטאָגראַפיע, 2) די יידישע גראַמאַטיק, 3) פרעמדע און נייע ווערטער, 4) אַ יידיש ווערטערבוך, 5) די יידישע יוגנט און די יידישע שפּראַך, 6) די יידישע פּרעסע און די יידישע שפּראַך, 7) די יידישע בינע און די יידישע אַקטיאָרן, 8) די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע שרייבער, 9) די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע אַקטיאָרן, 10) די אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך.

אויב איר ווילט קומען צו דער קאָנפערענץ, בעטן מיר אייך, איר זאָלט תיכף מודיע זיין אייער נאָמען און אייער אַדרעס צו דעם הויפּט-ביוראָ פון אונדזער קאָנפערענץ (............) [1], כדי מיר זאָלן אייך קענען שיקן אַלע ווייטערדיקע מודעות, וואָס מיר וועלן נאָך פאַרשיקן. אויב איר האָט עפּעס אַ גוטע עצה צו געבן, פון וועלכער עס קאָן אַרויסקומען אַ נוצן פאַר דער קאָנפערענץ און איבערהויפּט פאַר דער יידישער שפּראַך, בעטן מיר אייך, איר זאָלט זי אונדז וואָס גיכער שרייבן, און דאַנקען אייך אין פאָרויס.

ניסן, תרס"ח — אַפּריל, 1908.

1 נים אויסגעפילם.

האָבן זיך צוזאַמענגענומען פון דער גאַנצער וועלט, האָבן מיר פאַר גאָרנישט מער וואָס מורא צו האָבן.

מיר ווילן אַוודאי מיט קיינעם נישט זאַטשעפּען; אויך אַז פאַנאַטישע געגנער וועלן אונדז אָנפאַלן, וועט אונדז נישט אַרן, זיי קענען אונדז גאָרנישט טון. ערלעכע געגנער מיט דרך=ארץ וועלן מיר אַוודאי ענטפערן מיט דרך=ארץ. נאָר דער עיקר: מיר מוזן אַרבעטן, אַ סך אַרבעטן, גוט אַרבעטן, שטיל אַרבעטן.

די קומענדיקע פינף טעג קענען נאָר זייַן דער אָנהייב פון אונדזער אַרבעט, אָבער מיר ווייסן, אַז יעדער אָנהייב איז שווער און פאַרקניפּט מיט אַ סך פאַראַנטוואָרטונג.

געערטע געסט און מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ!

איך פריי מיך, וואָס איך זע דאָ אַזאַ גרויסע צאָל אי פון ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך, אי פון אַזעלכע, וועלכע זענען אָם ווייניקסטן פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס מיר וועלן דאָ רעדן און אויפטון.

איך דאַנק אייַך און באַגריס אייַך אַלע זייער הערצלעך, און בפרט דאַנק איך פאַר דעם כבוד, וואָס זיי גיבן אונדז אָפּ מיט זייער קומען צו אונדז און באַגריס... (דער רעדנער רעכנט אויס די נעמען פון די אָנגעזעענע טשערנאָוויצער געסט, וואָס זענען געקומען צו דער קאָנפערענץ).

איך דאַנק אויך אַלע, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן צו די צוגרייטונגס=אַרבעטן פאַר דער קאָנפערענץ, בפרט דער אַקאַדעמישער פאַרבינדונג „יידישע קולטור", וואָס זייַנע [!] מיטגלידער זענען זיך גאָר מוסר נפש געווען.

און איצטערט לאָזן מיר ווייַטער פירן וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן.

איך עפן די ערשטע קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך.[1]

## י. ל. פּרצעס עפענונג-רעדע

געערטע קאָנפערענץ!

דרייַ איינערלעכע באַפרייַונגס=מאָמענטן האָבן אונדזער באַוועגונג געשאַפן.

איך וויל קיין פּראָפעט נישט זייַן און נישט זאָגן אין פאָרויס, אַז מיר לעבן דאָ איבער אַ נייַעם היסטאָרישן מאָמענט, אַז מיר עפענען אַ נייַעם קוואַל פון פריש לעבעדיק וואַסער אין גאָטס ווייַנגאָרטן, אַז פון הייַנט אָן וועט דאָס אָרט פייַכט ווערן און בליען. „עטוואָס" דאָך זענען מיר געוואָרן, און דאָס עטוואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן פון די אָנגערופענע דרייַ באַפרייַונגס=מאָמענטן.

עס הייבט זיך אָן צו באַפרייַען דער יידישער „המון", דער אָרעמער

1 די רעדע איז אויך אָפּגעדרוקט (מיט מינימאַלע אָפּווייכונגען) אין „פֿאָרווערטס" פון 15טן סעפּטעמבער.



יידישער „עם=הארץ". ער פאַרלירט זייַן צוטרויען אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גביר. דעם גרויסן גבירס „צדקה" מאַכט אים נישט זאַט, דעם גרויסן למדנס תורה גיט אים ניט קיין גליק. דער „המון" הייבט אָן אַליין צו בענקען, צו פילן, וויל לעבן זייַן אייגן אָרעם לעבן פאַר זיך. און עס וואַקסט אויף דער חסידיזם, די תורה פאַר אַלע.

און דאָס איז דער ערשטער מאָמענט.

יידיש הייבט זיך נישט אָן מיט אייַזיק מאיר דיק. דאָס חסידישע מעשהלע—דאָס איז דער „בראשית". שבחי בעל שם און אַנדערע וווּנדער=געשיכטן זענען פאָלקס=דיכטונגען, דער ערשטער פאָלקס=דיכטער איז ר' נחמן פון בראַצלאַוו מיט זייַנע זיבן בעטלער.

עס האָט אויך ערוואַכט און פאַרלאַנגט עפּעס פאַר זיך די יידישע פרוי, דאָס יידישע ווייַבל, דאָס יידישע מיידל. און עס באַווייַזן זיך „ווייַבערישע ביכלעך", פון עברי=טייַטש ווערט אַ „מאַמע=לשון"...

און צוויי שפּראַכן האָט נאָך דאָס יידישע פאָלק, אַ שפּראַך פאַר למדנים אין בית=המדרש: תורה=לשון, גמרא=לשון; און די צווייטע פאַרן „המון" און פאַר דער יידישער טאָכטער...

נאָר פון דעם וואָלט נאָך קיין „יידיש", קיין יידישע שפּראַך נישט געוואָרן. דאַן באַווייַזט זיך דער יידישער אַרבעטער, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, און שאַפט זיך זייַן אינסטרומענט פאַרן קאַמף פאַר זייַן לעבן, זייַן אַרבעטער=קולטור אויף יידיש. דער אַרבעטער באַנוגנט זיך נישט מיט תחינות און תפילות פון דער ווייַבערישער שול און נישט מיט וווּנדער=געשיכטן פון הינטערן אויוון אין קלויז. ער וויל און מוז זיך אויסלעבן אויף יידיש. און עס באַווייַזט זיך דאָס יידישע בוך אין דער יידישער שפּראַך...

דאָס אַלץ וואָלט אונדז דאָך נישט צוזאַמענגערופן; אויב מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלערליי לענדער און שטאַטן צו פּראָקלאַמירן אונדזער יידיש אַלס גלייַכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען אַ פערטן סאָציאַל=פּאָליטישן וועלט=מאָמענט.

דער שטאַט, וועלכן מען פלעגט אָפּפערן קליינע און שוואַכע פעלקער ווי פאַרצייַטן קינדער דעם מולך, דער שטאַט, וואָס האָט צוליב די אינטערעסן פון די הערשנדע קלאַסן אין פעלקער געמוזט אַלץ ניוועלירן, אויסגלייַכן: איין אַרמיי, איין שפּראַך, איין שול, איין פּאָליציי און איין פּאָליצייַלעך רעכט,—דער שטאַט פאַרלירט זייַן גלאַנץ.

דער רויך, וואָס פלעגט זיך אַזוי געדיכט און פעט וויקלען איבער זייַן מזבח, ווערט וואָס דינער און צעשטרייטער. דאָס „פאָלק", נישט דער שטאַט, איז דאָס מאָדערנע וואָרט! די נאַציאָן, נישט דאָס פאָטערלאַנד! און אייגנאַרטיקע קולטור, נישט גרענעצן מיט יעגער באַוואַכן דאָס אייגנאַרטיקע פעלקער=לעבן...

און שוואַכע, אונטערדריקטע פעלקער ערוואַכן און קעמפן פאַר זייער

שפּראַך, פאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט, און מיר, די שוואַכסטע, האָבן זיך אויך אין די רייען געשטעלט!

דער שטאַט זאָל מער נישט פעלשן די פעלקער=קולטור, נישט מער פאַרניכטן אייגנאַרט און אינדיווידואַליטעט — אָט דאָס ווערט גערופן און געבלאָזן אין דער מחנה, און מיר שטייען שוין אין אירע רייען אונטער אונדזער אייגענער פאָן, אין נאָמען פון אונדזערע אייגענע קולטור=אינטערעסן.

און מיר רופן צו דער וועלט: מיר זענען אַ יידיש פאָלק און יידיש איז אונדזער שפּראַך, און אויף אונדזער שפּראַך ווילן מיר זיך דורכלעבן און אונדזערע קולטור=גיטער באַשאַפן און שוין קיינמאָל נישט אָפּפערן זיי צוליב די פאַלשע אינטערעסן פון „שטאַט", וואָס איז נאָר דער באַשיצער פון די רעגירנדע, הערשערישע פעלקער און דער בלוטזויגער פון אונטערדריקטע שוואַכע.

מיר ווילן קיינעם נישט דינען. פעלקער=לאַקייען קענען קיין קולטור=גיטער נישט באַשאַפן, מיר טוען עס!

און דער בעסטער פּלאַץ פאַר אונדזער פאַרזאַמלונג איז געווען בוקאָווינע, נעמלעך איר הויפּטשטאָט, טשערנאָוויץ. דאָ, ווו עס לעבן צוזאַמען פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און פאַרשידענע שפּראַכן, איז אונדז לייַכטער אונדזער וואָרט צו פירן. מיר שפּאַצירן פאַרנאַכט אין גאַס, און פון פאַרשידענע פענצטער פליסן אַרויס פאַרשידענע שפּראַך=טענער, אַלערליי פעלקער=מוזיק; מיר ווילן אונדזער פענצטער האָבן: אונדזער זעלבשטענדיקן מאָטיוו אין דער פעלקער=סימפאָניע.

מיר ווילן זיך שוין נישט צעברעקלען און אָפּפערן יעדן מולך=שטאַט זיין בראָקן. איין פאָלק יידן; זיין שפּראַך איז — יידיש.

און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה וויַטער וועקן און קולטורעל זיך פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייַטן.[1]

און נישט נאָר צוזאַמענרעדן זיך און זיך פאַר אַנדערע פּראָקלאַמירן זענען מיר געקומען. מיר ווילן צוזאַמען אַ ר ב ע ט ן, און איר וועט האָבן אַלערליי פאָרשלעגע צו פרוכטבאַרער אַרבעט, אָבער צוויי פון זיי מוז איך אַלס די וויכטיקסטע דערמאַנען פאָרויס. זאָל יידיש ווערן אַן אַלגעמיין יידישע שפּראַך, אַזוי מוזן אין איר איבערגעטראָגן ווערן אונדזערע אַלטע

[1] ג ר ש ם ב אַ ד ע ר, יידישעס טאַגעבלאַט, נ"י, סעפּטעמבער 17, גיט איבער דעם דאָזיקן טייל פון דער רעדע אַזוי:

„... וואַרשע און בוקאָווינע, ניו-יאָרק און רוסלאַנד מוזן אַצונד פאַראייניקט ווערן אין דער יידישער שפּראַך. דאָס אַלטערטום און די נייע צייט, די פאַרגאַנגענהייט און די געגנוואַרט מוזן געפינען אין איר זייער אויסדרוק. די יידישע קולטור-גיטער מוזן ווערן דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער וועלט, און די גאַנצע וועלט מוז אונדז הערן און לערנען פאַרשטיין."



קולטור=גיטער פון דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט; זאָל אונדזער יידיש ווערן צווישן אַלע וועלטשפּראַכן אַ גלייַכבאַרעכטיקטע שפּראַך, מוז זי צוגענגלעך ווערן דער וועלט.

מיר ווילן אייַך דעריבער פאָרשלאָגן: די איבערזעצונג פון אַלעווירקלעכע קולטור=גיטער פון אונדזער גאָלדן=פרייַער פאַרגאַנגענהייט, איבערהויפּט פון דער ביבל, און די טראַנסקריפּציאָן פון אונדזערע בעסטע קולטור=גיטער אויף לאַטייַנישע לעטערן. מיר ווילן מער קיין אומסימפּאַטיש=לינקישע פאַרוועניע, קיין אויפגעקומע עשירים נישט זיין! קולטור איז אויך טראַדיציאָן! און מיר ווילן דאָס וואָרט צווישן די פעלקער פירן נישט דורך מעכאַנישע איבערזעצונגען, וואָס טייטן דאָס לעבעדיקע וואָרט.

מיר זענען געקומען ווייניק רעדן און מער אַרבעטן. איבערדעם בעטן מיר אַלע מער צו אַרבעטן. (אַ פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ן.) מיר דאַנקען דעם ד"ר בירנבוים דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז צונויפגערופן, מיר דאַנקען דעם אַקאַדעמישן פאַראיין „יידישע קולטור", וואָס ער האָט זיך געווידמעט דעם אידעאַל און האָט מיט אַלע זייַנע כוחות צוגעהאָלפן אונדזער קאָנפערענץ פאָרצובאַרייטן. און מיר מוזן אויך הייַנט געדענקען אָן יענעם גרויסן מאַן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן אין דער מאָדערנער, אייגנטלעכער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונדז געשענקט די ערשטע קלאַסישע ווערק אין דער יידישער שפּראַך און וואָס איז לײדער דאָ נישטאָ: אָן מענדעלע מוכר ספרים! (ש ט אַ ר ק ע מ י נ ו ט ן=ל אַ נ ג ע אַ פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ן.) איך דערלויב מיר צו שטעלן דעם אָנטראַג, אַז מען זאָל אים אינעם נאָמען פון דער גאַנצער קאָנפערענץ אָפּשיקן אַ באַגריסונג=טעלעגראַם. (נ אָ ך ש ט אַ ר ק ע אַ פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ן).

ל. ט ו י ב י ש לייגט פאָר אַ געשעפטס=אָרדענונג, וואָס ווערט אייַנשטימיק אָנגענומען.

ס'ווערן פאָרגעלייענט די דערהאַלטענע באַגריסונגען: פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום=עליכם (פון באַראַנאָוויטש: „מיט דער נשמה ביי אייַך, מיטן קראַנקן גוף צוגעבונדן דאָ. ווינטש אייַך ברכה און הצלחה"), פּ. הירשביין, אַ. האַרקאַווי, ד. פּינסקי, פון אַ גרופּע ליבהאָבער פון דער שפּראַך אין באָברויסק, פון אַ גרופּע יידישע שרייַבער אין באָסניע וואָס שרייַבן אויף סערביש, פון י. דינעזאָן, פון מ. ספּעקטאָר, פון אַ סך פּועלי=ציון=גרופּעס אין גאַליציע און בוקאָווינע, פון ד"ר ליפּפּע אין יאַס, פון מ. קריינין אין פּעטערבורג א"אַנד.

דאַן קומען פאָר וואַלן צום פּרעזידיום. ס'ווערן אייַנשטימיק אויסגעקליבן: ד"ר נ ת ן ב י ר נ ב ו י ם אַלס פּרעזידענט; אַלס וויצע=פּרעזידענטן: י. ל. פּ ר ץ, ד"ר ח י י ם ז ש י ט ל אָ ווסקי און ל י י ב ט ו י ב י ש; אַלס סעקרעטאַרן: